©2004 AFII

# טעסאלאניקער 1

# פרק א

1 פון שאול, סילא, און טימותיוס, צו די עדת ה' וואס איז אין תסלוניקי, הדבקים אין אלוקים האב און אין האדון יהושע/ישוע המשיח.

חסד ה' און שלום ה' צו אייך פון אלוקים אבינו און אדונינו יהושע/ישוע המשיח.

2 תמיד מיר דאנקען ה' פאר אייך

שטענדיק און דערמאנען אייך אין אונדזערע תפילות.

3 פאר אונדזעד אלוקים און פאטער דערמאנען מיר תמיד אייער ארבעט פון אמונה און פּעולה פון אייער ליבע און די סבלנות פון אייער האפענונג אויף אדונינו יהושע/ישוע המשיח.

4 מיר ווייסן ,ברידער אין משיח, בּאליבּט פון אלוקים, אייער אוסדערווײילטקייט,

5 ווייל אונדזערע בשורת הגאולה איז נישט געקומען צו אייך נאר אין דברים אבער בגבורה און מיט דעם רוח הקודש און מיט פולער בטחון;

לויט ווי איר ווייסט וואסערע מין מענטשן מיר זענען געווען צווישן אייך צוליב אייך.

6 איר זענט געווארן אונדזער נאכפאלגער און פון אדונינו: הגם איר האט דורכגעמאכט צרות, איר האט מקבל געווען דאס ווארט ה' מיט פיל פרייד פון דעם רוח הקודש.

7 אזוי זענט איר געווארן אביישפיל פאר די מאמינים אין מאקעדאניע און אכאיא.